IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**אָאַזיס • Poems from Oasis**

by Abraham Sutzkever, translation by James Nadel

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (December 2015)

For the online version of this article:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/poems-from-oasis

# אָאַזיס

# POEMS FROM OASIS

Abraham Sutzkever
Translated by James Nadel

**Introduction:** Sutzkever's Yiddish poetry consistently engages with the environment and the richness of natural imagery. In fact, his first published poem appeared in the magazine of Bin (Bee), the Jewish scouting organization which encouraged young Polish Jews to experience the great outdoors through hikes and climbs. Even in the Vilna Ghetto, Sutzkever found inspiration in the "whiteness of [the] stars" when writing his famous apostrophe to God.

These five poems come from Sutzkever's later work, when he lived in the new setting of Israel. There and in his travels around the world, Sutzkever still encountered the beauty in nature, which his poems often blend with man-made culture: a Rembrandt painting centers on a cow's carcass; Mountain Kilimanjaro smells like challah bread; a piano suddenly transforms into a fly-fish; Stradivarius carves his violins from haunting trees. Sutzkever always finds a way to bend the line separating the natural from the cultural.

## Chagall's Garden

Behind the gate, in 18 carat dew
your bride bathes herself.
She swims anxiously into the palette
together with blue balsam.
Your vision becomes a garden. Oh, nightingale night!

The paints kiss each other. Your paintbrush, alone
a homunculus
over a milky way of canvas,
its head upside-down. Warm, girlish apples
tell it of blushing mysteries.
Its colors release the bounty, which the garden
hides in a fog.

## The Way to Paradise

Of all the masterpieces in the Louvre
(centuries bring together one wall with another),
the skinless face of fate hounds me:
the cow with her plump, cracked breast – by Rembrandt.

No other way:
the violent Dutchman once swigged, from golden cups, his paints,
the secret wines,
and suddenly discovered in his
drunken skull
a gallows.
A cow hangs.
And there, that dream of his was immortalized . . .

He laid his dream on the butcher’s block, crassly
In order to expose the color of that bovine moo.
He sent up a prayer, and struck the canvas with wounds,
so that the cow might enter the heavenly Louvre.

## Chord

With a single finger
(the others behind a cloud, jealous of him) –
sun plays the piano
of boney, toothy waves
A finger that wants not to depart with the cosmic palm.

A silver fly-fish
Devours him together with my rhyme,
to bring to the pearl,
which is now being born in the sea,
a chord from the last symphony.

## I already know the taste...

I already know the taste of the snows on Kilomanjaro.
They smell of homemade challah
submerged in smoky salt. And, frozen
in their mouths, crouches by day and night an icy sunset
and the air is carved like marble . . .

## Chosen Tree

When Stradivarius sensed: he was destined to carve
the last violin – on a stormy-night, he, gray,
goes to the woods, bent over a cane.
The lightning attacks him, like fiery bows.
He kneels before every tree, putting to them his breathing ear:
Oh, which chosen tree will reveal to him
the huge sound, so that from its lumber
Stradivarius can carve the last violin on the eve of his agony?
Within him cries the grief, of the smallest seed of sound. Grief-raising-
music, as if from a prison,
its death released along with the cleanest sounds.
He apologizes to the shadows; heads he ferociously cut off, in order to catch
the nightingale, so that it should enter the violin and symphonically

disclose the sadness of a tree on the first rain,
though he cannot escape when saws attack him . . .

With cold and iron gloves, the storm throws him about.
A cloud stands by his head with a shovel. And Stradivarius
barely whispers: chosen tree
saw my body – the weeping mold,
and carve from me, and with my blood paint – the last violin.

**A Dream**

I dreamed that I came
among a people where no one had yet died.
There had never been a victim there.
Every suckling child is as old as Methuselah.
That same clever king still rules,
From the time of the first Flood.
A resident need only rake through
his memory –
his years are set in him like stars.
Eternity is his daily bread.

Among these people I am the only crazy man,
who, in their temples and domains,
announces the news: Everyone, I saw the dead!

No tears. Stones fall from giants' eyes.
All are clay. No one believes, not one.

Then the king holds up his hand,
And silences the crowd:
—Stranger, my kingdom is yours, if you will convince me!

**שאַגאַלישער גאָרטן**

הינטערן טויער, אין אַכצנקאַראַטיקע טויען
באָדט זיך דײַן כּלה.
ציטערדיק שווימט זי אַרײַן אין פּאַליטרע מיט בלויע באַלזאַמען
צוזאַמען.
ס׳ווערט דײַן חזיון אַ גאָרטן. אַ נאַכט נאַכטיגאַלע!

ס׳קושן זיך פֿאַרבן. דײַן פּענדזל – אַליין:
אַ האָמונקולוס
איבערן מילכוועג פֿון לײַוונט,
קאַפּויער דאָס קעפּל.
ס׳גיבן אים איבער פֿאַררייטלטע סודות
מיידלשע, וואַרעמע עפּל.
זײַנע קאָלירן באַפֿרײַען דאָס גוטס, וואָס דער גאָרטן
באַהאַלט אין אַ נעפּל.

**דער וועג צום גן־עדן**

פֿון אַלע באַלאָרבערטע בילדער אין לוּווּר
(יאָרהונדערטער פֿירן צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט),
באַגלייט מיך אַ פּנים־אָן־הויט פֿונעם גורל:
די קו מיט איר פֿליישיק־צעשפּאָלטענער ברוסט – פֿון רעמבראַנדט.

ניט אַנדערש:
אַרײַנגעזויפֿט האָט דער געוואַלדיקער האָלענדער
אַמאָל זײַנע גילדענע כּוסות מיט פֿאַרבן,
די ווײַנען געהיימע,
און פּלוצעם דערזען אין זײַן שיכּורן שאַרבן
אַ תּליה.
עס הענגט אַ בהמה.
און אָט איז פֿאַראייביקט זײַן חלום דער...

געלייגט אויפֿן יאַטקעקלאָץ האָט ער זײַן חלום, געשונדן
אַנטפּלעקן זיך זאָל דער קאָליר פֿון בהמישן מו.
און תּפֿילה געטאָן, און באַשלאָגן דעם לײַוונט מיט ווּנדן,
כּדי ס׳זאָל אַרײַנגיין אין לוּווּר־גן־עדן –
די קו.

**אַקאָרד**

מיט איינציקן פֿינגער
(די אַנדערע הינטער אַ וואָלקן
אים זענען מקנא) –
שפּילט זון אויף דער פּיאַנע
פֿון בייניקע, צייניקע כוואַליעס.
אַ פֿינגער, וואָס וויל ניט פֿאַרגיין
מיט דער קאָסמישער דלאָניע.
אַ זילבערנער פֿליפֿיש
פֿאַרשלינגט אים באַנאַנד מיט מײַן גראַם,
צו ברענגען דעם פּערל,
וואָס ווערט איצט געבוירן אין ים,
אַן אַקאָרד פֿון דער לעצטער סימפֿאָניע.

**איך ווייס שוין דעם טעם...**

איך ווייס שוין דעם טעם פֿון די שנייען אין קילימאַנדזשאַראָ.
זיי האָבן דעם ריח פֿון היימישער חלה
געטונקען אין רויכיקן זאַלץ. און פֿאַרפֿרוירן
אין זייערע מײַלער אַן אײַזיקער זונפֿאַרגאַנג הויערט
בײַ טאָג און בײַ נאַכט, און די לופֿט איז געטעסעט פֿון מירמל...

**אויסדערוויילטער בוים**

ווען סטראַדיוואַריוס האָט דערפֿילט: באַשערט איז אים צו שניצן
די לעצטע פֿידל – איז ער אין אַ שטורעמנאַכט, אַ גרויער
אַוועק אין וואַלד, געבויגן אויף אַ שטעקן.
ווי ברענענדיקע סמיטשיקעס באַפֿאַלן אים די בליצן.
ער קניט פֿאַר יעדן בוים, לייגט־צו זײַן אָטעמדיקן אויער:
אָ, וועלכער אויסדערוויילטער בוים אַצינד וועט אים אַנטפּלעקן
די גרויסע הערונג, אַז פֿון זײַן געהילץ די לעצטע פֿידל
זאָל שניצן סטראַדיוואַריוס ערבֿ גסיסה?
עס וויינט אין אים דער צער פֿון מינדסטן זאָמען קלאַנג. צער־גידול־
מוזיק, ווי ער אַליין וואָלט פֿון אַ תּפֿיסה

באַפֿרײַט זײַן טויט באַנאַנד מיט רייַנסטע קלאַנגען.
מחילה בעט ער בײַ די שאָטנס, וואָס ער האָט גזלניש
אַראָפּגעזעגט די קעפּ, כּדי צו פֿאַנגען
דעם נאַכטיגאַל, ער זאָל אַרײַן אין פֿידל און סימפֿאָניש
מגלה זײַן דעם טרויער פֿון אַ בוים נאָך ערשטן רעגן,
בשעת אַנטלויפֿן קאָן ער ניט ווען אים באַפֿאַלן זעגן...

מיט אײַזערנער און קאַלטער הענטשקע וואַרפֿט אים אום דער שטורעם.
אַ וואָלקן שטייט צוקאָפּנס מיט אַ רידל.
און סטראַדיוואַריוס קוים
ער שעפּטשעט: אויסדערוויילטער בוים,
צעזעג מײַן גוף – דעם וויינענדיקן פֿורעם,
און שניץ פֿון מיר, און מיט מײַן בלוט באַמאָל – די לעצטע פֿידל.

**אַ חלום**

ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך קום
צווישן אַזאַ פֿאָלק ווו קיינער איז נאָך ניט געשטאָרבן.
קיין מאָל איז דאָרט ניט געווען קיין קרבן.
יעדער זויגקינד איז אַ מתושלח.
ס׳קעניגט נאָך דער זעלבער קלוגער מלך
פֿונעם דור, וואָס פֿאַרן ערשטן מבול.
גיט זיך נאָר אַן אײַנוווינער אַ גראַבל
אין זכּרון –
זענען אײַנגעפֿאַסט אין אים, ווי שטערן, זײַנע יאָרן.
אייביקייט איז זײַן טאָג־טעגלעך ברויט.

צווישן אָט דעם פֿאָלק בין איך דער איינציקער משוגענער,
וואָס אין זײַנע טעמפּלען און געמאַרקן
זאָג איך אָן די בשׂורה: מענטשן, כ׳האָב געזען דעם טויט!

ניט קיין טרערן. ס׳פֿאַלן פֿון די ריזנאויגן שטיינער.
עולם־גולם. קיינער גלייבט ניט, קיינער.

דעמאָלט הייבט זײַן האַנט דער קעניג,
צווינגט דעם פּעבל שווײַגן:
– פֿרעמדער, דײַנס מײַן קעניגרײַך, אויב וועסט מיך איבערצײַגן!